בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת צו - שבת הגדול תש"פ   א כשר'ן פרייליכן פסח - בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל ר"ה יא גליון 547 [שנה י"ב]

**נישט פארשעמען א איד**

צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל־הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה עַד הַבֹּקֶר וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ: (ו ב) אין די פרשה זעט מען צוויי שטארקע נקודות: 1] אז דער קרבן עולה פארברענט מען נאר ביינאכט, 2] מען איז דאס מקריב אין צפון אזוי ווי דער קרבן חטאת: זֹאת תּוֹרַת הַחַטָּאת בִּמְקוֹם אֲשֶׁר תִּשָּׁחֵט הָעֹלָה תִּשָּׁחֵט הַחַטָּאת: (שם יח) וואס איז טאקע דער ענין? נאר א קרבן איז מכפר אויף א חטא און מען דארף זיך מִתְוַדֶּה זיין פארן כהן אויף וועלכע עבירה מען האט געטאן, און דער מקריב הקרבן איז דאך געווארן פארשעמט. [יעצט די גמ' אין מס' יומא (דף כ"ט ע"ב) שרייבט "הרהורי עבירה קָשִׁים מעבירה", ווייל דאס איז פוגם די מחשבה. המו"ל] און די קרבן עולה איז מכפר אויף הרהורי עבירה, יעצט דער אויבערשטער וויל פארמיידן אז די בעלים פון קרבן עולה זאלן נישט ווערן שטארק פארשעמט, דעריבער האט דער רבש"ע געהייסן מקריב זיין די עולה ביינאכט ווען ווייניגער מענטשן דרייען זיך אין די עזרה, און די בושה וועט זיין קלענער, און צווייטנ'ס ווייל מען איז מקריב די עולה אין צפון, וועלן מענטשן נישט וויסן צו דאס איז א חטאת אדער א עולה, זעהט מען ווי שטארק דער רבש"ע וויל אז מען זאל נישט פארשעמען א מענטש, איז ק"ו אז מען זאל זייער אכטונג געבן נישט פארשעמען א איד און אוודאי נישט גורם זיין אז א איד זאל ווערן פארשעמט. אבער עס איז דא א גרעסערע מדריגה אז מען זאל זיך אפילו מוסר נפש זיין אז א צווייטער איד זאל מען נישט פארשעמען:

**און דאס איז געווען א מעשה וועגן דעם טייערע מדה!**

דער הייליגער מהרש"א (הגאון הר' שמואל אליעזר הלוי איידלס זצוק"ל, איז געבוירן אין קראקא, ער איז געווען א נאנטער תלמיד פון הייליגן רמ"א און ער האט זיך געלאזט וואקסן לאנגע האר און דאס צוגעבונדען מיט א שטריק צום דאך אז אויב ער וועט איינשלאפן וועט די שטריק שלעפן די האר און ער וועט זיך אויפוועקן. שפעטער איז ער געווארן רב אין לובלין און אוסטרהא המו"ל) האט ער זיך זייער אויס באהאלטן, און ווען ער האט געשריבן זיין פירוש אויף גאנץ ש"ס, ער האט דאס געשריבן נאר ביינאכט און די לאנגע האר האט אים אפגעהאלטן פון איינדרעמלען און האט געשלאפן 3 שעה בייטאג, זיין ווייב האט געוואוסט דער אמת און געהאלטן בסוד זיין גרויסקייט, אבער אין שטאט האט מען אים פארשעמט און געהאלטן פאר א משוגענער! ער האט אבער געווארט ביז ער וועט ענדיגן דעם פירוש און נאכדעם וועט ער זיך אויפירן כאחד האדם.

אין שטאט איז געווען דער שמש פון שול וואס איז געווען א באהאלטערנער צדיק, וואס האט זיך פארשלאסן אלע נאכט אין שול, און געפראוועט תיקון חצות, און האט צוטיילט גאנץ תהלים אויף 7 חלקים און ביי יעדן חלק האט ער געמאכט הקפות. פלוצלינג איין נאכט פילט דער שמש א מידקייט, וואס האט קיינמאל נישט פאסירט, און ער איז איינגעשלאפן, א איד קומט צו אים און וועקט אים און זאגט אים שטרענג: מוזט מיר ווייזן וואו וואוינט ר' שמואל אליעזר? האט דער שמש זיך דערשראקן און אים געוויזן. דער שמש האט נישט פארשטאנען ווי אזוי דער מענטש איז אריין אין די שול!

די צווייטע נאכט איז דער שמש נאכאמאל איינגעשלאפן און עס קומט א צווייטער איד, א שיינע בעל צורה, און וועקט אים אויף און פרעגט אים די זעלבע זאך, און די שמש ווייזט אים, אבער דער מאל האט דער שמש אכטונג געגעבן אז אלעס זאל זיין פארשלאסן, און האט נישט פארשטאנען ווי אזוי איז דער מענטש אריין געקומען אין שול! דער דריטער נאכט איז דאס זעלבע פארגעקומען, און א דריטער מענטש, א גאר שיינע, לעכטיגע צורה, וועקט אים אויף און פרעגט אים וואו וואוינט די מהרש"א? דער שמש האט געזאגט די שול איז פארשלאסן אין יעדן ווינקל, מוזט דאך זיין אז איר זענט אלע געווען מלאכים, דעריבער וועל איך דיר נישט ווייזן ביז וועסט מיר מגלה זיין די סוד!

האט דער איד אים געזאגט: דער ערשטער איז געווען **שאול המלך**, און די צווייטער איז געווען **דוד המלך**, און איך בין **אליהו הנביא**, און מיר זענען געקומען ווייל די משפט פון שאול מיט דוד האט זיך נאך נישט געענדיגט, און מען האט געוואלט אז דער הייליגער מהרש"א זאל געבן זיין פסק, און מען וועט טאן לויט זיין פסק! **אליהו הנביא** האט אים געזאגט אויב דו וועסט היטן דעם סוד איז גוט, און אויב נישט וועסטו מוזן גיין פון די וועלט! און **אליהו הנביא** איז נעלם געווארן.

דער שמש האט נישט געקענט קומען צו זיך, אז דער איד וואס די גאנצע שטאט און די רבנים האבן אים אזוי פארשעמט, און ער איז גאר דער גדול הדור, נאר ער באהאלט זיך! האט ער געמאכט א חשבון הנפש אז ער איז גרייט זיך מוסר נפש זיין, און זיך אנעמען אויפן כבוד פון מהרש"א און ער האט גערופן צו זיך די אלע רבנים און חשובי קהל און זיי געזאגט, אז ער האט זיי עפעס זייער וויכטיג צו דערציילן, און אפילו ער ווייסט אז נאכן דערציילן וועט ער שטארבן, און האט דערציילט וואס איז פארגעקומען די לעצטע פאר נעכט. די רבנים זענען געווארן ווייס פון פחד און דער שמש איז ל"ע אוועק אויפן פלאץ. די רבנים האבן שנעל געגאנגען צום הייליגן מהרש'א מיט די גאנצע שטאט און געפאלן צו זיינע פיס און אים איבערגעבעטן און ער האט זיי מוחל געווען, און אלע האבן געשעצט זיין גאונות! נאכדעם אין דער הייליגע ספר מהרש"א ארויס אין די וועלט, און איז געווארן א שם דבר ביי אלע לומדי הגמ'. דאס איז וואס דער אויבערשטער ווייזט מיטן קרבן עולה, נישט צו פארשעמען א איד חלילה. (אהבת חיים – החכם מנחם מנשה מגדולי המקובלים – בארבעט דורך המו"ל)

## דרשה פאר שבת הגדול

## פארוואס הייסט דאס שבת הגדול?

שטייט אין טור (או"ח סי' ת"ל) **שבת שלפני הפסח קורין אותו שבת הגדול והטעם לפי שנעשה בו נס גדול**. דאס צו פארשטיין קען מען מסביר זיין אז די גמ' (יומא דף פו ע"א) שרייבט **גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד** שנא' שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ (הושע יד ב) זאגן חז"ל אז מען דארף תשובה טאן **עשרת ימי תשובה** פון ר"ה ביז יו"כ, יעצט די תשובה פון **עשרת ימי תשובה** זענען **תשובה מיראה**, און אזוי ווי תשרי איז ר"ה לבריאת העולם און איז א צייט פון תשובה, איז דאך ניסן ר"ה למלכים און אויך א צייט פון **עשרת ימי תשובה**, אבער די תשובה איז מאהבה וואס איז אסאך העכער פון **תשובה מיראה**, קומט אויס אז די אידן האבן תשובה געטאן אין מצרים פון ר"ח ניסן, תשובה מאהבה, און דעם צענטע טאג איז געווען: בֶּעָשֹׂר לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית אָבֹת שֶׂה לַבָּיִת, ממילא דארפן אידן זיין גרייט ר"ח ניסן מיט **עשרת ימי תשובה**, און דער צענטער טאג איז דאך געווען שבת. און מען זעהט

אין די תורה אז יום הכיפורים ווערט אנגערופן שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן הִיא לָכֶם וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם חֻקַּת עוֹלָם: (ויקרא טז לא), און יו"כ קומט דאך נאך צען טעג פון תשובה מיראה, ממילא דער שבת וואס קומט נאך צען טעג פון תשובה מאהבה דארף זיין גרעסער פון שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן פון יו"כ, דעריבער הייסט דאס שבת הגדול, ווייל עס איז גרעסער פון יו"כ וועגן די תשובה מאהבה. זאל דער אויבערשטער אונז העלפן און אנעמען אונזער תשובה ויבנה בית המקדש השלישי ושם נאכל מן הזבחים ומן הפסחים שוין דעם יאר אמן!

## מדור העובדות

## ****** אליהו הנביא האט אויסגעטרונקען די גאנצע כוס ******

איינער פון די חסידים פון הרה"ק ר' אהרן הגדול פון קארלין איז געקומען מיט אסאך שוועריקייטן און איז אנגעקומען קיין קארלין צו זיין ביים רבין אויפן סדר און פראוון דעם יו"ט פסח מיטן רבין, דער יונגערמאן ווארט צו גיין נעמען שלום פון רבין, וואס נעמט ביי אים שלום, אבער ווען ער גייט ארויס פון רבין, רופט אים צוריק דער גבאי און דער רבי זאגט אים פאר אהיים אין שטוב און מאך דארטן דיין סדר, רופט זיך אן דער חסיד אז עס איז אים אנגעקומען מיט אזויפיל שוועריקייטן צו קומען, און יעצט שיקט אים אהיים דער רבין! און ער בעט זיך ביים רבין ער זאל אים חאטש לאזן זיין ביים סדר און ער וועט אהיימפארן גלייך מוצאי יו"ט, אבער דער רבי הערט אים נישט און זאגט אים שטרענגערהייט: פאר שוין צוריק אהיים, און פראווע דער סדר ביי דיר אינדערהיים!

דער חסיד האט געהאט אמונה און זיך געזעגנט פון רבין מיט ווארעמע ברכות און פארט אהיים מיטן פולן שמחה אז ער פאלגט דעם צדיק. ער ווייסט אז דער רבי מיינט נאר זיין טובה. זיין ווייב האט זיך געוואונדערט ווען זי זעט אז איר מאן איז אהיים געקומען און נאך געהערט אז דער רבי האט אים אהיים געשיקט, האט זי געמיינט ווער ווייסט וואס וועט זיין? אבער ער האט איר בארוהיגט אז דער רבי מיינט אונזער טובה און עס וועט נאר זיין גוט!

די ווייב גרייט זיך אן דעם סדר טיש און נאך מעריב נעמט ער זיך פראווען א דערהויבערנע סדר. זיין קאפ און הארץ געפינען זיך ביים רבין און ער איז פול מיט חיות. דער חסיד זאגט די הגדה אזוי ווי ער האט געזען ביים רבין און איז מקיים די מצוות היום מיט אכילת מצה, מרור, און שולחן עורך. נאכן בענטשן פילט ער אן די כוס של אליהו און ער גייט ארויס און עפענט די טיר פארן זאגן שפוך חמתך. אבער עס האט געווארט א באנדע גזלנים אינדרויסן און ווען ער עפענט די טיר זענען אריין געלאפן די גזלנים און גענומען זוכן אלע ווינקלען און אריין געלייגט אין א זאק זיין פארמעגן פון געלט און צירונג פון זיין ווייב!

נאכדעם האבן זיי צוגעבונדן דעם חסיד און די ווייב און קינדער און געזאגט אז זיי זאלן זיך גרייטן ווייל מען גייט זיי יעצט הרגענן רח"ל! אבער ווען זיי האבן געענדיגט צובינדן דעם לעצטער, איז פלוצלינג אריין געקומען א געזונטער בעל עגלה מיט א אייזערנער בייטש און שרייט אויף די גזלנים: וואס טוט איר דא? און מען האט זיך גענומען שלאגן מיט אים, אבער ער איז געווען אסאך שטערקער פון די גזלנים, און האט זיי געשלאגן ביז זיי האבן שוין נישט געוואוסט פון זיך, און דער בעל עגלה האט אפגעבונדען דעם חסיד, און די גאנצע משפחה און האט נאכדעם גוט צוגעבונדען די רוצחים, און זיי אלע אריינגעלייגט אין זיין וואגן!

דער בעל עגלה איז צוריק אריין אין שטוב און גענומען דער כוס של אליהו און דאס אויסגעטרונקען ביז עס איז נישט געבליבן קיין טראפ וויין, און דער בעל עגלה זאגט זיי גוט יו"ט און פארט אוועק! דער חסיד מיט זיין ווייב האבן געדארפט אביסל צייט ביז זיי האבן געקענט קומען צו זיך, אבער נאכן דאנקען דער רבש"ע פארן גרויסן נס, האט ער ממשיך געווען דעם סדר מיט חיות און א געשמאק. און גאנץ פסח האט ער געדאנקט דעם רבש"ע פארן נס.

נאך פסח איז ער געפארן קיין קארלין צום רבין און ביים געבן שלום, רופט זיך אן ר' אהרן הגדול: וואס זאגסטו צו דעם? ביי דיר האט ער אויסגעטרונקען דעם גאנצן כוס און ביי מיר האט ער נאר פארזוכט די וויין! דער חסיד האט שוין פארשטאנען אז דער רבי האט דאס אלעם געזען פאראויס, און אים אהיים געשיקט, און דער בעל עגלה איז געווען אליהו הנביא אליין! און זיך געפריידט אז ער האט זוכה געווען צו זען אליהו הנביא און אז אליהו האט טאקע אויסגעטרונקען דעם כוס של אליהו הנביא זכור לטוב! זיע"א




בשורה טובה,
די בארימטע מעשיות
פון אונזער גליון פרדס יהודה
אהער געשטעלט אין א ספר
דורך מיין איינקל
ר' יעקב לעבאוויטש נ"י
לויט די יארצייטן, צו באקומען
אין אלע ספרים געשעפטן
אדער רופן
1-845-625-2973

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה**

ספר קן מפורשת עם נחלת צבי דפוס ראשון הנודע לסגולה למלא כל הבקשות, א שיינע בריוו פון הגאון ר' חיים עוזר צוזאמען מיט זיין ברודער הגאון ר' אברהם צבי, סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב, 40 גמרות פון זיטאמיר $5000, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, סידור דרך החיים זיטאמיר מצב יפה, בריוו פון דעת סופר און זון וועגן בויען זיין ישיבה אין ירושלים, א שיינע בריוו פון הגאון מטשעבין וועגן זיין חשובע ישיבה, סעט זוהר בינוני דפוס זיטאמיר, שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר, ספר וואס האט באלאנגט צו הר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, א בריוו פון ר' יעקב קמינצקי פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון, **Until further notice call 13472178260 or email at: seforim@gmail.com, to order or to pick up orders To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש **דער גליון איז מוקדש לעי"נ מיין מאמע מרת סאשע מאטיל בת אברהם יעקב וויטא ע"ה ו' ניסן תשס"ה תנצב"ה און לעי"נ מיין פלימעניק הבה"ה יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י - - י' סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב! אויך זאל דער גליון זיין א זכות פאר אלע מיינע ידידים וואס זענען ל"ע קראנק געווארן, זאלן זיי האבן א גאנצע רפואה במהרה אמן**